


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

## פרשת במדבר תשפ"ב • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 263

## אמרות שמשון

### כלל ישראל איז מקנא די מלאכים וואס זענען אויסגעשטעלט מיט דגלים • דגלים ברענגט צו שלום און אחוה • שלום אין כלל ישראל האלט אפ שלעכטס • ווען דער שטן וויל שלעכטס טון טוט ער שאפן מחלוקת

**וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן חָנוּ לְדִגְלֵיהֶם וְכֵן נָסָעוּ אִישׁ לְמִשְׁפְּחֹתָיו עַל בֵּית אֲבֹתָיו** (ב, לד): עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (במדבר רבה ב, ב), **בשעה שנגלה הקב"ה על הר סיני, ירדו עמו עשרים ושתים רבבות של מלאכים וכו', והיו כולם עשוים דגלים דגלים וכו'. כיון שראו אותן ישראל שהם עשוים דגלים דגלים, אמרו אלואי כך אנו נעשים דגלים כמותן וכו'. אמר להם הקב"ה מה נתאויתם לעשות דגלים, חייכם שאני ממלא משאלותיכם וכו'. מיד הודיע הקב"ה אותם לישראל ואמר למשה, לך עשה אותם דגלים כמו שנתאוו.**

**עס** שטייט אין מדרש: ווען דער אויבערשטער איז אראפגעקומען צו מתן תורה און זיך אַנטפלעקט פאר כלל ישראל, זענען צוזאמען מיטן באשעפער מיטגעקומען צוויי הונדערט און צוואנציג טויזנט מלאכים, און אלע זענען געווען אויסגעשטעלט מיט דגלים יעדער אויף זייער ארט.

**ווען** כלל ישראל האט דאס געזען האבן זיי אויך געגלוסט צו האבן דגלים אזוי ווי די מלאכים. האט זיי דער אויבערשטער צוגעזאגט איך וועל צופרידן שטעלן ענקער פארלאנג, און איבערגעגעבן פאר משה רבינו די פרשה פון דגלים פאר כלל ישראל.

**מען** קען ערקלערן וואס איז די באדייט פון 'דגלים'. און פארשטיין פארוואס האבן די אידן אזוי שטארק געגלוסט צו דעם.

**דאס** אויפטו פון 'דגלים' איז אז עס צוטיילט און שטעלט יעדער אויף א באזונדערע ארט, וואס באדייט אז יעדער איינער אַנערקענט די פלאץ ווי ער געהערט, און פארשטייט אז ער געפונט זיך אין דאס פאסיגע ארט וואס איז געאייניגט פאר אים, און זיין חבר געפונט זיך ערגעץ אנדערש וויבאלד דארט איז פאסיג פאר אים. און דאס ברענגט צו אז קיינער זאל נישט מקנא זיין א צווייטן, און דורכדעם פאסירט קיין מחלוקת נאר יעדער איינער איז בשלום און באחדות.

**אזוי** ווי קען מען פארטייטשן אין 'פסוק' (שמות יח, כג), **'וְגַם כָּל הָעָם עַל מְקֹמוֹ יָבֹא בְשָׁלוֹם'**. 'כל העם על מקומו' ווען יעדער פארשטייט און אַנערקענט די ארט ווי ער געהערט, און נישט פארנומען צו טראכטן וואס זיין חבר פארמאגט, דעמאלטס איז 'יבא בשלום', איז דא שלום און אחוה.

**דאס** איז פארהאן ביי די מלאכים, ביי זיי איז נישטא קיין מחלוקת, וויבאלד יעדער מלאך האט זיין ארט און אויפגאַבע וואס ער האט צוטון, און קיינער קען נישט טון א צווייטע זאך.

**דאס** האבן כלל ישראל געזען ביי מתן תורה, ווען עס איז אראפגעקומען צענדליגע טויזנטע מלאכים און יעדע מלאך האט זיין פונקטליכן ארט, און עס הערשט שלום און אחוה צווישן זיי. דעריבער האט כלל ישראל אויך געגלוסט צו האבן דגלים, אזוי וועט שטענדיג הערשן שלום און אחוה צווישן אידן.

◆ ◆ ◆

**און** ווען עס הערשט 'שלום און אחוה' צווישן אידן, דאן קען נישט פאסירן קיין שום שלעכטס פאר כלל ישראל, וויבאלד דער שטן קען נישט געוועלטיגן אויף כלל ישראל נאר אויב עס איז דא א טיילונג צווישן אידן.

**אזוי** ווי עס שטייט אין 'חז"ל' (תנחומא, במדבר יא), ווען בלעם האט געזען ווי אידן וואוינען אויסגעשטעלט מיט דגלים האט ער זיך אויסגעדרוקט **'מי יוכל ליגע באלו'** ווער קען דען שעדיגן די אידן וואס וואוינען באחדות אויסגעשטעלט מיט דגלים.

**מיט** דעם קען מען גוט פארשטיין די ווערטער פון 'חז"ל' (שבת פט.), ווען דער שטן האט געוואלט מכשיל זיין כלל ישראל מיטן חטא העגל, **'בא שטן ועירבב את העולם'** איז דער שטן געקומען און אויסגעמישט די וועלט.

**וויבאלד** דער שטן האט געוואוסט אויב יעדער איז מסודר אָן קיין מחלוקת וועט ער נישט קענען האבן א שליטה, דעריבער האט אויסגעפעלט ער זאל קודם פארדרייען די וועלט, וואס דאס וועט צוברענגען א צומישעניש און קריגעריי, נאר נאכדעם וועט ער קענען קומען מכשיל זיין כלל ישראל.

**אזוי** געפונען מיר אין נאך ערטער אין חז"ל, ווען אומער ס'איז געקומען צרות און פראבלעמען אויף כלל ישראל איז געווען דארט א צומישעניש אָן קיין שלום, ווייל ווען ס'איז פארהאן שלום קען נישט דער שטן שלעכטס טון פאר כלל ישראל. (פרשתינו אות ג' ד"ה וזהו הטעם)

» די המשך און עמוד ב'




• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה זוג' מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לברכה ולהצלחה
משה בן פרידא
הצלחה וברכה בכל מילי דמיטב
"בתים מלאים כל טוב גם עושר גם כבוד"

# פניני שמשון

# פנינים לחג השבועות

## פאר די עגל וואלטן בכורים געקענט טון די עבודה • שבט לוי איז פון שטענדיג אן געווען חלק ה' • בכורים וואלטן געווען ראוי לעבודה אבער נישט צו באקומען מתנת כהונה

**וַאֲנִי הִנֵּה לָקַחְתִּי אֶת הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תַּחַת כָּל בְּכוֹר פֶּטֶר רֶחֶם מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם** (ג, יב): רש"י אויפן ארט (ד"ה מתוך בני ישראל), איז מסביר די ווערטער '**תחת כל בכור**'. די עבודה אין בית המקדש וואלט ארגינעל געדארפט גיין פאר די בכורים אבער זיי האבן דאס פארלוירן ביי דער חטא העגל, אנשטאט זיי איז די עבודה איבערגעגעבן געווארן צו שבט לוי, וואס זיי האבן נישט געזינדיגט מיטן חטא העגל.

**עס** ווייזט זיך אויס פון דעם, אויב וואלטן די בכורים נישט געזינדיגט מיטן חטא העגל וואלט די 'עבודת הכהונה' געהערט פאר די בכורים און נישט פאר שבט לוי.

**שטעלט** זיך די באקאנטע קשיא, עס שטייט אין 'מדרש' (תנחומא, ראה יד), יעקב אבינו האט אפגעשיידט מעשר פון זיינע קינדער, און לוי איז געווען דער חלק מעשר, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (במדבר יח, כ), '**אֲנִי חֶלְקְךָ וְנַחֲלָתְךָ**'. קומט אויס די עבודת כהונה האט שוין געהערט צו שבט לוי אסאך פריער איידער די בכורים האבן געזינדיגט מיטן עגל.

**אזוי** אויך שטייט אין חז"ל (שמות רבה, ה, טז), די מצרים האבן נישט געארבעט מיט שבט לוי, (וויבאלד זיי האבן געוואוסט אז שבט לוי איז חלק ה').

**און** אזוי טייטש רש"י דעם פסוק (בראשית כט, לד), '**עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ לֵוִי**', ער האט באקומען די נאמען לוי '**על שם שליוהו במתנות קראו לוי**', וויבאלד שבט לוי איז באגלייט מיט מתנות (מתנות כהונה). זעט מען קלאר פון חז"ל, אז שבט לוי איז פון שטענדיג אָן געווען דער שבט וואס איז חלק לה', אויב אזוי וואס האט דאס צוטון מיטן חטא העגל?

**נאר** די תירוץ איז, איידער די חטא העגל וואלטן די בכורים געקענט טון די עבודה צוזאמען מיט שבט לוי. אבער געוויס וואלט די עבודת הכהונה געהערט פאר שבט לוי, און נאר שבט לוי וואלט באקומען מתנת כהונה, אזוי ווי עס שטייט '**אני חלקך ונחלתך**'. אבער די בכורים וואלטן געקענט טון די עבודה אין פאל ווען ס'איז נישט דא גרייט א כהן, אדער צו מקריב זיין זייערע אייגענע קרבן.

**און** דאס האבן די בכורים פארלוירן ווען זיי האבן געזינדיגט, זיי זענען געווארן געגצליך פסול צו טון די עבודה אין בית המקדש. (פרשתינו אות ה' ד"ה לפי דרכינו)

## די אומות העולם זענען מקנא כלל ישראל

דער מדרש (ילקוט שמעוני במדבר רמז תרפ"ז) זאגט אויפן פסוק (במדבר א, א) **וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי וגו'**. אין די צייט וואס כלל ישראל האט באקומען די תורה, האבן די אומות העולם מקנא געווען כלל ישראל, און געפרעגט פארוואס האט כלל ישראל באקומען די תורה מער פון אלע אנדערע פעלקער? (ועיי"ש בהמשך המדרש). דארף מען פארשטיין פארוואס האבן די אומות העולם מקנא געווען כלל ישראל? דער אויבערשטער איז דאך צוערשט געגאנגען צו זיי און געפרעגט צו זיי ווילן מקבל זיין די תורה און זיי האבן עס נישט געוואלט אננעמען. מען קען דאס פארענטפערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (עבודה זרה ב.) די אומות העולם האבן גע'טענה'ט אז דער אויבערשטער האט זיי נישט געצווינגען אזוי ווי ער האט געצווינגען כלל ישראל דורך איבערדרייען די בארג העכער זיי און באפוילן צו מקבל זיין די תורה, האט דער אויבערשטער זיי געענטפערט דאס איז וויבאלד ענק האבן קיינמאל נישט אפגעהיטן שבע מצות בני נח. לויט דעם קען מען מסביר זיין אז דאס איז געווען די סיבה פארוואס זיי האבן מקנא געווען כלל ישראל, וויבאלד זיי האבן גע'טענה'ט אז די אידן האבן אויך נישט אפגעהיטן שבע מצות בני נח פאר מתן תורה, אויב אזוי פארוואס האט זיי דער אויבערשטער אויסגעקליבן און געצווינגען צו מקבל זיין די תורה מער פון אלע אנדערע אומות העולם (ועיי"ש בהמשך דברי רבינו). (פרשת במדבר אות ג')

## תורה איז צוגעגליכן צו פייער

מען קען זאגן א טעם פארוואס די תורה איז געגעבן געווארן מיט פייער, וויבאלד אזוי ווי פייער טוט דערווארעמען און באלייכטן, אבער אויב מען דערנענטערט זיך צו נאנט צום פייער קען מען זיך אפבריען און פארברענען, דאס זעלבע איז מיט די תורה וואס דערווארעמט און באלייכט א מענטש, אבער אויב מען דערנענטערט זיך צו שטארק - דאס הייסט מען לערנט סודות און סתרי תורה ווען מען איז נאכנישט ראוי דערצו - קען מען זיך אפבריען און זיך פארברענען. נאר יעדער איינער דארף זיין צופרידן מיט זיין חלק וואס ער האט אין די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין קהלת (ז, ט"ז) **וְאַל תִּתְחַכַּם יוֹתֵר**. (פרשת בהר אות א')

## פסח איז מען מקריב פון 'שעורים' און שבועות פון 'חיטים'

מען קען ערקלערן א שיינע טעם פארוואס פסח איז מען מקריב א 'מנחת העומר' וואס קומט פון 'שעורים', און שבועות איז מען מקריב 'שתי הלחם' וואס קומט פון 'חיטים', וויבאלד שעורים ווערט פארעכנט ארים אנטקעגן חיטים וואס איז בעסער פון שעורים, און אזוי ווי מען זעט אין 'פרק שירה' (פרק ג') אז די שירה פון 'שבולת שעורים' איז דער פסוק (תהלים קב, א) **תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטֹף וגו'**. וואס דאס קומט צו מרמז זיין אז פסח איז מען מקריב פון שעורים וואס איז ארים, וויבאלד ווען כלל ישראל איז ארויס פון מצרים זענען זיי געווען ארים פון תורה, דאקעגן שבועות ווען מען האט שוין מקבל געווען די תורה און מען איז געווארן רייך פון זכיות, דעמאלטס איז מען מקריב שתי הלחם וואס קומט פון 'חיטים'. (רות אות י"ב)

## די אלטע עבירות ווערן פארמעקט און צובלאזן

**יְשַׁלֵּם ה' פָּעֳלֵךְ וּתְהִי מַשְׂכֻּרְתֵּךְ שְׁלֵמָה** (רות ב, יב) מען קען ערקלערן פשט אינעם דאפעלטן לשון אין פסוק, צוערשט האט ער איר געזאגט '**ישלם ה' פעלך**' וואס דאס גייט ארויף אויף אלע מצות וואס זיי גייט טון פון היינט און ווייטער נאכדעם וואס ז' האט זיך מגייר געווען, אבער מען וואלט געקענט מיינען אז די עבירות וואס ז' האט געטון איידער ז' האט זיך מגייר געווען וועט ווייטער בלייבן אויף איר, דעריבער האט בועז צוגעלייגט '**ותהי משכרתך שלמה**' דיין שכר וועט זיין גאנץ אן קיין פלעק פון די אמאליגע עבירות, אזוי ווי די ביזט געבוירן געווארן אין כלל ישראל. אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (ילקוט תהלים רמז תתס"ט) אז אברהם אבינו האט מורא געהאט פון זיינע אמאליגע עבירות וואס ער האט מעגליך געדינט עבודה זרה איידער ער האט זיך דערוואוסט פונעם אויבערשטן, האט אים דער אויבערשטער געזאגט (תהלים קי, ג), **לְךָ טַל יַלְדֻתֶיךָ**, דיינע יוגנט יארן וועט זיין אזוי ווי 'טל' וואס ווערט צובלאזן, און עס בלייבט נישט איבער קיין זכר דערפון. (רות אות ג')

---


ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17)
סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו